ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

## דער גרויסער איסור
## פון אַ טשאָפּ

אידיש

**84**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשל"ח לפ"ק

בעזהשי״ת

# ספר

# דער גרויסער איסור פון אַ טשאָפּ

## (בלורית - טשופרינ״ע - פריזו״ר)

דאָס מיינט ״לאַנגע האָר ביי מענער״.

❖

## בו יבוארו המכשולות הגדולות הבאים על ידי שמגדלים בלוריות

## באידיש

❖

יוצא לאור על ידי

הוצאת אמונה - ברוקלין יצ״ו - שנת תשל״ט

בעזרת השם יתברך

# דער גרויסער איסור פון אַ טשאָפּ

(בלוֹרִית - טשוּפּריני״ע - פּרִיזוּ״ר)

# דאָס מיינט ״לאַנגע האָר ביי מענער״.

# דער אָנהייב פון די טומאה עס פאַרלענגערט דעם גלות

א. דער רשע פרעה האָט גוזר געווען אויף כלל ישראל דריי גזירות, דורכדעם זאלען זיי מיזען בלייבען אין מצרים אויף אייביג, די ערגסטע דערפון: זיי זאלען האבען טשאָפּיס (מדרש קהלת רבה פרשה ט׳, מדרש רבה שמות פ״א).

**עס איז אסור מן הדין**

ב. עס שטייט אין רמב״ם (הלכות עבודה זרה פרק י״א) און אויך אין שולחן ערוך (יורה דעה ריש סימן קע״ח): מען טאר נישט לאזען וואקסען לאַנג די האָר ווייל עס שטייט אין די תורה ״ולא

תלכו בחוקות הגוים" און "**ובחוקותיהם לא תלכו**" ווייל א איד מוז אויסזעהן אנדערש ווי א גוי.

ג. דער איסור איז סיי ווען מען לאזט עס וואַקסען פון פאָרענט (טשאָפּ) - סיי אינמיטען - סיי אינטען (רמב"ם וט"ז שם סק"א).

ד. יעדעס אופן וואָס אַ מען לאָזט וואַקסען די האָר פאַר שיינקייט מיט וואס פארא צורה עס זאל נישט זיין איז דאס א איסור גמור מן התורה. (ב"ח, פרישה, ט"ז, ש"ך, גר"א בר"י פסק בית דין דירושלים עיה"ק תרצ"א מובא בספר דא גזירת אורייתא).

ה. אפילו אלע זיינע קליידער זענען אידיש אויסער טשאָפּ איז ער עובר א איסור דאורייתא (שאלות ותשובות דברי חיים חלק א' יורה דעה סימן ל').

ו. די וואס האבען אַ טשאָפּ **זענען עובר יעדן טאָג** איסורי דאורייתא (חידושי הרז"ה ויורה דעה שם מובא בדרכי תשובה).

ז. הגאון רבי איסר זלמן מלצר אב"ד סלוצק פסק'ט **אויב די האָר פאָרענט איז גרעסער פון אונטען איז מען שוין עובר אויף דעם איסור**

**"בלורית"** (ספר דא גזירת אורייתא קו"א דף ד' ששמע ממנו).

### די הארבקייט דערפון

ח. יעדער וואָס זעהט די מורא'דיגע שטראף - פאר לאזען וואקסען די טשאפ - קווועלען אים די אויגען פון טרערן, זיי רייצען אָן אויף זיך די משחיתים און די ווערן אנגעריפען **"מגדלי בלורית"** זיי באצירען זיך מיט די שיינקייט פון די צוויי ערגסטע שרי הטומאה **(לילי"ת - סמא"ל)** וואָס פון זיי קומען ארויס **צוויי גרויסע משחיתים (וואָס מאַכען אָן אַלע אידישע צרות)**. (ספר יין המשומר להגה"ק מהר"נ שפירא דף מ"ט **שהיה תלמיד האריז"ל ומוזכר בפרי עץ חיים)**.

ט. ער ווערט באטראכט ווי ער וואלט עובר געווען אויף איסורי עריות (סודי רזא לבעל הרוקח מובא במגלה עמוקות פרשת קדושים).

י. אויב ער איז אַ בן תורה איז ער מחלל שם שמים (ספר דא גזירת אורייתא דף ו' בשם יראים).

יא. מען טאר אים נישט אויפריפען צום ספר תורה (ספר מגלה עמוקות פרשת קדושים [על הכתוב לא תקיפו] בשם סודי רזא להרוקח).

## די גרויסע שטראָף

יב. ער איז ראוי צו אַ קללה, אלישע הנביא האט געשאָלטען דער וואָס האט א טשאָפּ, אבער די וואס האבען נישט וועלן זיין געבענטשט און וועט זוכה זיין צו אלעס גוטס (תשב״ץ חלק ג׳ סימן צ״ג).

יג. **זיין קאָפּ וועט הענגען אין גיהנם** (סודי רזא לבעל הרוקח דף ז׳).

יד. ווען עס קומט א גזר דין פון הימעל אויף די גוים ווערן רח״ל אויך געשטראפט אלע וואס זעהן אויס ווי די גוים מיט די טשאָפּס (הגאון הקדוש מורינו הרב רבי חיים פאלאגי בתוכחת חיים פרשת כי תשא).

טו. עס טיט זיך אָפּ פון אים דער צלם אלקים (געטליכע געשטאלט), **ער גייט אין גהינם, דער סוף ענדיגט ער מיט חרפות און בזיונות**, (אוצר החיים להגאון הקדוש מקאמארנא זצ״ל מצוה רס״ג).

טז. ווען דער יצר הרע זעהט ווי אזוי מען מאכט זיך שיין די האר זאגט ער: **דער מענטש איז מיינער ער ליגט אין מיינע הענט** (פרק כ״ב סימן ו׳).

יז. **שיין מאכען די האָר שטאַמט פון יצר הרע ארייננצושלעפן אין גהינם** (זוהר הקדוש חלק א׳ דף קסו עמוד ב׳).

יח. דאס אויסצירען זיך ווי די גוים פארטיליגט אידען רח״ל (רש״י דברים י״ב ל״ב) אפילו מען זעהט עס גייט זיי גיט טאר מען נישט פארגעסן אז דאס איז די מדה פון השי״ת ער האלט צוריק זיין צאָרען, נאָכדעם קאַסירט ער דאָס זיינס (דבר המלך שער ב׳ פרק ל׳).

יט. היינטיגע צייטען אלע צרות וואָס קומען אויף אידען רח״ל איז נאָר צוליב דעם (אגרת הקודש להקדוש מהר״ם רימינוב זי״ע).

כ. דער וואָס טיט זיך קליידען ווי א גוי און רעדט ווי זיי איז א גוי (טעמי המצוות דף תקנ״ג בשם מהר״י מבעלז זי״ע).

כא. אלע שלעכטס וואס קומט היינטיגע צייט אויף אידען איז דורכדעם וואָס מען גייט ווי די גוים (אגרת הקודש מהר״ם מרימינוב זצ״ל).

**מען איז מבטל מצות תפילין**

**כב.** די וועלכע גייען מיט אַ טשאָפּ זענען מבטל יעדן טאָג די מצוה פון תפילין של ראש וואָס איז 4

מצות עשה אזוי פסקינען 30 פוסקים בערך. (מחצית השקל אור החיים סימן כ״ז אות ד׳ קיצור שלחן ערוך סימן י׳ אות ו׳, ושם ציין דכן כתב בפמ״ג. בן איש חי שנה א׳ פרשת חיי אות ה׳, פתח הדביר סימן כ״ז אות ג׳. חתן סופר שער הטוטפת סימן כ״ז, שלחן מלכים סימן י׳ הלל״מ אות ק״ט. בעל לחם שלמה בהסכמה לספר עמודי ארזים. אות חיים ושלום, מונקאטש, סימן כ״ז אות ו׳. שאלות ותשובות קרן לדוד סימן י׳. משנה ברורה סימן כ״ז אות ט״ו, שלחן שלמה סימן כ״ז אות ד׳ ועוד הרבה פוסקים כמו שהבאתי בספר **״בלורית לאור ההלכה״**, עיין שם).

### די שטראָף פאר מבטל זיין מצות תפילין (דורך לייגען אויפען טשאָפּ)

כג. ער ווערט געהאלטען אין גהינם 12 חדשים נאכדעם ווערט דער גוף פארלענדט און די נשמה פארברענט און די ווינט צושפרייט זיין אַש אונטער די פיס פון די צדיקים. (משנה ברורה סימן ל״ז סעיף צ׳ והוא מר״ה י״ז.)

כד. אין הימעל לייגט מען אים אין חרם (פסחים דף קי״ג) און ער שטייט נישט אויף תחיית המתים (קיצור של״ה).

כה. אבער דער וואס נעמט אראפ דעם טשאָפּ און איז מקיים מצות תפילין געהעריג. זאל ער זוכה זיין צו אריכות ימים (מנחות מד. וטור אור החיים סימן ל"ז). און קומט נישט צו אן עבירה (שם מג:), טויזענט מלאכים היטען אים (במדבר רבה י"ב י"ג) אלע עבירות ווערן ווען אים פארגעבן (טור שם) ער איז געזיכערט מיט עולם הבא (שם).

**אנדערע איסורים וואס מען טיט דורכדעם!**

כו. איסור פון שחץ וגאוה (הגאון שר התורה מהר"י דידאווסקי זצ"ל בעל מחבר קיום התורה וציונים לתורה).

כז. לא ילבש גבר שמלת אשה (שם)

כח. עס ברענגט צו הרהורי עבירה (שם).

כט. זיין חלק וועט זיין **צוזאם מיט די וואס זענען עובר אויף עריות** (סודי רזי לבעל הרוקח, מגלה עמוקות פרשת קדושים).

ל. די וואס טוען דאס אויסצוזעהן ווי די גוים האבען די הלכה ווי מומרים און ווערן פארעכענט ווי גוים (טוב טעם ודעת מה"ק סימן ק"ד).

## די נאכווייען (תוצאות) פון טשאָפ

לא. מען ווערט פארשלעפט דורכדעם אלס טיפער און טיפער ביז ווילאנג מען ערלויבט זיך צו עסען נבילות מיט טריפות און חתונה האבען מיט א גויטע רח״ל. (בני יששכר בספר מעין גנים על אור החיים).

לב. עס ברענגט עובר צו זיין אויף חילול שבת ווי עס איז שוין באקאנט (ספר הזכרונות למהר״ש אבוהב דף מא).

לג. עס ברענגט אויף אין מענטש געדאנקען פון עבירה (ספר קיום התורה בראיות מש״ס וזוהר הקדוש).

לד. נאכטוהן די גוים איז א גרויסע מכשול און א געזיכערטער חורבן (ספר אלה המצות מצוה תקמ״ז).

### פארשידענס - עריות:

א. די אלע וועלכע זענען אביסעל פארקראכען **און זענען נחשד אויף עריות** לאזען זיך וואקסען דעם טשאָ״פ. (רו״ח יורה דעה קע״ח בשם המאירי).

**חילול השם:**

א. אויב ער איז א בן תורה איז עס נאכדערצו א גרויסער חילול שם שמים (יראים מצוה ז׳).

**מונע קנין התורה:**

ב. ער קען נישט זוכה זיין צו לערנען די תורה מיט א ריינע כוונה און האַרץ (שאלות ותשובות מר״ם בריסק חלק ב׳ סימן צ״ח).

**גרויסע האר:**

ג. א מענטש זאל זיך בכלל נישט לאזען וואקסען גרויס די האר ווייל דאס איז אַ גוישע זאך.

**עולה זיין:**

ד. ער הייסט א ״רשע״ און מען טאר אים נישט אויפריפען צו די ספר תורה (רוקח בסודי רזא).

**שליח צבור - בעל תוקע:**

ה. ער טאר נישט דאווענען פארן עמוד אפילו אינימטן יאר - **מען מעג אים רופען ״רשע״** און ער טאָר אויך נישט זיין קיין בעל תוקע ראש השנה (שאלות ותשובות קרן לדוד אור החיים סימן כ״ה).

## גוי'שע חברותא:

ו.ליידער בעונותינו הרבים מערסטע מענטשען מיט טשאָפּ'ס איז דאס מיטן צוועק זיך צו צוגליען צו די גוים צו גיין מיט זייער חברותא **און נאך ערגער רח"ל** (תוכחת חיים למורינו הרב רבי חיים פאלאג'י – פרשת כי תשא).

## אויב ער איז אין א צרה וועט ער געהאלפען ווערן:

ז. יעדער מאן און פרוי זאלען נישט האבען אויף זיך קיין שום גויישע זאך בין איך זיכער ביים באשעפער אז עטס וועט זעהן די ישועה פון באשעפער (אגרת הקודש מהר"ם מרימינוב זצ"ל). דאָס קליידונג איז א שמירה פארן מענטש אבער אויב מען טיט זיך אָן ווי די גוים ווי איז פאר זיי נישט נאר וואָס די קליידער זענען נישט קיין שמירה, פארקערט עס איז נאך גורם אַן אחיזה פאר די קליפות **און עס ברענגט אלע צרות** רח"ל (דברי מנחם להגה"ק מהר"ם מרימינוב זצ"ל) **אפילו מען מיינט נישט זיך צו צוגלייכען צום גוי איז דאס "עבודה זרה"**

ח. א איד וואס גייט מיט א גויישע זאך (אזוי ווי טשאָ"פּ) איז דאס "עבודה זרה" כאטש ער מיינט נישט קיין שום שלעכטס נאר בלויז צו

האבען אויף זיך די זאך פונדעסטוועגען אלע גוי'שע קליידונג האט א מקור אין די עבודה זרה און אויב א איד טיט דאס זייער גרינג. ווערט ער אריינגעצויגען אין אלע תאוות (אגד"כ וישלח).

**דאס גאנצע אידישקייט:**

א. אונזערע אייגענע אויגען זעהן אז היינטיגע צייט הענגט דאס גאנצע אידישקייט אויף דעם (שאלות ותשובות אמרי נועם חלק ב' סימן ט"ז).

**מדינות ווערן חרוב:**

ב. מען זאל חס ושלום נישט זיכען קיין שום היתר זיך צו קליידען מיט קיין שום גוי'שע זאך דאס איז א זאך וואס אונזערע זיידעס האבען געהאלטען זייער שטרענג. געב א קוק די מדינות וואס די אידען האבען אנגעהויבען נאכמאכען די קליידונג פון די גוים רח"ל (דייטשלאנד, בעהמן, מערען, שלעזיען, א.א.וו.) האבען זיי זיך **ביז א קורצע צייט** אסימילירט און **אויסגעמישט צווישען די גוים** (שאלות ותשובות בית שלמה חלק א' יורה דעה סימן קצ"ו).

**אפילו מען מיינט ביזנעס:**

ג. דער מהרי״ק שרייבט: אפילו אויב מען טיט דאס צוליב כבוד אדער אנדערע צוועק (ביזנעס) אויב עס פאסט נישט פאר א איד דאס צו טראגען איז מען עובר דעם לאו **״ובחוקותיהם לא תלכו״** (שאלות ותשובות מהר״ם שי״ק יורה דעה סימן קס״ה).

**אינטרעסאנטע מעשיות**

ד. עס האט פאסירט ביים באוויסטען גאון וצדיק מוה״ר אלימלך כהנא זצ״ל פון די פריערדיגע גדולי הדור. ער איז איינגעלאדען געווארען צו א גרויסע רבנים פארזאמלונג אנקומענדיג אהין האט מען אים געזעצט ביים סאמע אויבען אָן. מיטאַמאָל האט ער געהויבען פיס און אנטלאפען ואיננו ער איז שוין נישטא. איז מען אים נאכגעלאפען פרעגענדיג דעם טעם פון זיין אנטלויפען? האט דער צדיק מיט זיין גרויס תמימות און צדקות געענטפערט: ווען מען האט מיך אראפגעזעצט אויף מיין פלאץ האב איך מיך אומגעקיקט אויף רעכטס און לינקס און געזעהן **צוויי רבנים זיצען מיט טשאָפּ״ס אויפן קאָפּ** האב איך באשלאסען באלד ארויסצוגיין **איך וויל חס ושלום נישט זיצען מיט אזעלכע**

**וועלכע לייגען נישט קיין תפילין** (ווייל תפילין אויף א טשאָפּ איז מען נישט יוצא) די מעשה האב איך געהערט פון זיין תלמיד וואס איז דארט געווען בשעת מעשה ר' זאב יודא לעבאוויטש פון נתניי.

ה. אין ספר מנורת המאור (נר ג' חלק פרק ב' - בפירוש נפש יהודה שם) שטייט א מורא'דיגע פאסירונג: אַמאָל איז א איד וואס האט געוואוינט נעבן א שַר געשטארבען מען האט אים באגראבען, נאך עטליכע טעג איז ער דורך געגאנגען דעם קבר האט ער געזאגט לאמיר זעהן ווי אזוי דער איד ליגט דארט אין קבר, האט ער געהייסען עפענען דעם קבר און עס האט זיך אנפלעקט פאר זיינע אויגען **א שוידערליך בילד צוויי שלענג גריבלען מיט די מיילער אויף זיין מח און הענגען אראפ אויפן קערפער אזוי ווי צוויי רצועות פון תפילין, און א דריטער שלאנג ארויפגעדרייט אויפן ארעם אזוי ווי די רצועות פון תפילין**. דער שר האט זאפארט געשיקט צו די אידען זיי זאלען אים פארשטיין געבן וואס דאס איז, האבען די אידען אים געפרעגט היות דער איד איז אלע יארען נעבן דיר צו האסטו אים געזען לייגען תפילין אמאָל?

האט ער געענטפערט ניין. האבען זיי געזאגט אָט דאס איז זיין שטראָף פאר נישט לייגען תפילין.

ו. די גאנצע מאַטריאַל איז צוזאמענגעשטעלט און גענומען פון ספר "**בלוריות לאור ההלכה**" וועלכע איז יעצט ערשיינען אויף די גאס, זעלבספארשטענדליך אז אינעווייניג אין ספר ווערן אלע ענינים ארומגערעדט מער באריכות ובהרחבה.